**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/8/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט 3.7 מיליאן דאלאר צו באקומען פאר 'קלוגע וואוקס' גרענטס פאר עדיראַנדעק און קעטסקיל פארק קאמיוניטיס

***דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג פארבעט קערפערשאפטן צו אריינגעבן אפליקאציעס פאר פראיעקטן וואס בינדן צוזאם ענווייראמענטאלע באשיצונג, עקאנאמישע אנטוויקלונג און קאמיוניטי וואוינבארקייט אין די אפגעהיטענע וועלדער***

***די רונדע פון 'קלוגע וואוקס' גרענטס קאנצענטרירט זיך אויף אפאָרדעבעל האוזינג צו שטיצן די סטאביליטעט פון באפעלקערונגען און עקאנאמיעס אין שטעטלישע קאמיוניטיס***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז 3.7 מיליאן דאלאר אין 'קלוגע וואוקס' (Smart Growth) גרענטס זענען דא צו באקומען פאר קאמיוניטיס און נאָן-פראפיט ארגאניזאציעס אין די עדיראַנדעק און קעטסקיל פארקס. די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג (Department of Environmental Conservation, DEC), בשותפות מיט די סטעיט דעפארטמענט און די עדיראַנדעק פארק אגענטור, פארבעט קערפערשאפטן צו אריינגעבן אפליקאציעס פאר פראיעקטן וואס וועלן צוזאמבינדן ענווייראמענטאלע באשיצונג, עקאנאמישע אנטוויקלונג און קאמיוניטי וואוינבארקייט אין די אפגעהיטענע וועלדער. די קאנצענטראציע אין די רונדע פון 'קלוגע וואוקס' גרענטס איז אויף אפאָרדעבעל האוזינג, א וויכטיגע באשטאנדטייל ביים אדרעסירן די סטאביליטעט פון באפעלקערונגען און עקאנאמיעס אין די שטעטלישע ערטער.

"דורך דעם 'קלוגע וואוקס' גרענט פראגראם, פארשטערקערן מיר עקאנאמישע אנטוויקלונג און מיר באַרייכערן די קוואליטעט פון לעבן פאר ניו יארקער אין אונזערע שטעטלישע קאמיוניטיס," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אזוי ווי ניו יארקער זענען פאר צו אויסשטייַן הויכע האוזינג קאסטן אין קאמיוניטיס אריבער אונזער סטעיט, ווערט דאס שווערער און שווערער פאר פאמיליעס צו טרעפן פלעצער צו וואוינען אין דעסטינאציע שטעטלעך וואו די אין די עדיראַנדעק און קעטסקיל פארקס. דורכן גיבן פריאריטעט פאר האוזינג דורך דעם 'קלוגע וואוקס' פראגראם, קענען מיר העלפן קאמיוניטיס פארגרעסערן זייער לאקאלע ארבעטסקראפט, סטאביליזירן די ווערט פון די פראפערטיס און אראפנידערן די קאסטן פון לעבן פאר איינוואוינער."

די DEC'ס קאמיוניטי 'קלוגע וואוקס' גרענטס פראגראם ארבעט מיט די מאדעל פון די נאציאנאלע "קלוגע וואוקס" באוועגונג וואס שטופט פאר וואוקס אויף אן אופן וואס ברענגט צוזאם עקאנאמישע אנטוויקלונג צוזאמען מיט די באהיטונג פון די נאטורליכע און אויפגעבויטע סביבה. די היינטיגע אנאנס צייכנט אפ די זיבעטע רונדע פון 'קלוגע וואוקס' גרענטס זינט דער פראגראם איז אוועקגעשטעלט געווארן. כמעט 6.5 מיליאן דאלאר איז שוין געשאנקען געווארן פאר קאמיוניטיס — 1.9 מיליאן דאלאר אין די קעטסקיל פארק און 4.5 מיליאן דאלאר אין די עדיראַנדעק פארק. פאר מער אינפארמאציע, באזוכט די DEC'ס וועבזייטל.

**דעפּאַרטמענט פון ענווייראַמענטאַלע אַפּהיטונג קאָמישאַנער, בעזיל סעגאָס, האָט געזאָגט,** "די אַפּגעהיטענע וועלדער פון די עדיראַנדעק און קעטסקילס זענען די היים צו אַ רייע פון עפנטליכע לענדער און פּריוואַטע פאַרמעגן, שאַפנדיג אייגנאַרטיגע פּראָבלעמען און געלעגנהייטן פאַר לאָקאַלע קאָמיוניטיס. 'קלוגע וואוקס' פּראָיעקטן העלפן קאָמיוניטיס אָנקומען צו אַ באַלאַנס צווישן אַנטוויקלונג און באַהיטונג פון נאַטורליכע אוצרות, פאַרשטערקערנדיג לאָקאַלע באַמיאונגען צו אויסנוצן די בענעפיטן וואָס קומען פון די נאַטורליכע אוצרות בשעת'ן זיך האַלטן צו ענווייראַמענט-פריינטליכע אַנטוויקלונג און עקאָנאָמישע סטאַביליטעט אָן קיינע נעגאַטיווע ענווייראַמענטאַלע השפעות."

**עדיראַנדעק פאַרק אַגענטור עקזעקיוטיוו דירעקטאָרין, באַרב רייס, האָט געזאָגט,** "דער 'קלוגע וואוקס' גרענט פּראָגראַם איז אַ וויכטיגע געלעגנהייט פאַר עדיראַנדעק און קעטסקיל קאָמיוניטיס צו אַדרעסירן אַ ברייטע רייע פון באַדערפענישן און ציהלן. פאַר מער פון צען יאָר, האָט דער פּראָגראַם שוין געפירט צו די דורכפירונג פון ענווייראַמענט-פריינטליכע פּראָיעקטן וועלכע האָבן פאַרבעסערט די קוואַליטעט פון לעבן פאַר פאַרק איינוואוינער. די פּריאָריטעט וואָס גאַווערנער האָקול גיבט פאַר אַפאָרדעבעל האוזינג ציהלט אויף אַ קריטישע אָנגעלעגנהייט וואָס טרעפט אָן פילע קאָמיוניטיס. מיר מוטיגן שטאַרק לאָקאַלע רעגירונגען און נאָן-פּראָפיט אָרגאַניזאַציעס צו אויסנוצן דעם פּראָגראַם וואָס איז געווידמעט ספּעציפיש פאַר די עדיראַנדעקס און קעטסקילס."

**סעקרעטערי אָוו סטעיט ראָבערט דזש. ראָדריגעז האָט געזאָגט,** "'קלוגע וואוקס' אָפּפערט אַ קריטישע אויסגעפּלאַסטערטע וועג צו אָנקומען צו אַפאָרדעבעל האוזינג, עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג און ענווייראַמענט-פריינטליכקייט אין די עדיראַנדעקס און קעטסקילס. די 'קלוגע וואוקס' גרענט פון 3.7 מיליאָן דאָלאַר וועט העלפן קאָמיוניטיס אין די פאַרקס אויפקשטעלן אַ לאַנג-טערמיניגע, קאָמיוניטי-באַזירטע חזון פאַר ענווייראַמענט-פריינטליכע, גרערעכטע און קלימאַט-פריינטליכע וואוקס. ניו יאָרק סטעיט איז אַ נאַציאָנאַלע פירערין מיט 'קלוגע וואוקס', גערעכטיגקייט און קלימאַט טויש, און די נייע פינאַנצירונג געלעגנהייט טוט בלויז צולייגן צו אונזער באַאיינדרוקספולע רייע פון שטיצנדע פּאָליסיס און פּראָגראַמען."

פינאַנצירונג פאַר די גרענטס איז צוגעשטעלט געוואָרן דורך די ענווייראַמענטאַלע באַשיצונג קאַסע (Environmental Protection Fund, EPF), און עס האָט אַריינגערעכנט 2.7 מיליאָן דאָלאַר פאַר עדיראַנדעק פאַרק פּראָיעקטן און 1 מיליאָן דאָלאַר פאַר פּראָיעקטן אין די קעטסקיל פאַרק. די ציהל פון דעם גרענט פּראָגראַם איז צו שטיצן פּראָיעקטן וואָס בויען אַרויף אויף אַרומנעמיגע פּלאַנירונג און עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג אַקטיוויטעטן. אין די סטעיט בודזשעט 2023-24 האָט גאַווערנער קעטי האָקול אָנגעהאַלטן די EPF פינאַנצירונג אויף 400 מיליאָן דאָלאַר — די העכסטע סומע פון פינאַנצירונג אין די היסטאָריע פון דעם פּראָגראַם. די EPF שטעלט אויך צו פינאַנצירונג פאַר קריטישע ענווייראַמענטאַלע פּראָגראַמען, צום ביישפּיל באַהיטן פאַרם שטחים, פאַרמיידונג און פאַרניכטונג פון אַריינדרינגענדע פרעמדע באַשעפענישן, פאַרבעסערונג פון פאַרוויילונג ערטער, וואַסער קוואַליטעט פאַרבעסערונג און אָן אַגרעסיווע ענווייראַמענטאַלע גערעכטיגקייט אַגענדע.

באַרעכטיגטע פּראָיעקטן דאַרפן שטיצן גרעסערע קאָמיוניטי דעוועלאָפּמענט פּראָיעקטן, ווי צום ביישפּיל אויפלעבונג באַמיאונגען, אינפראַסטרוקטורישע פאַרבעסערונג, אַנטוויקלונג פון אָרגאַניזאַציעס און אויפבויען קאַפּאַציטעט, און זיי קענען אַריינרעכענען אַריין צווישן אַנדערע:

- צושטעלן ביציקליסט-פריינטליכע וועגן און באַקוועמליכקייטן;
- פאַרבעסערן אָדער אַדווערטייזן לאָקאַלע/ראַיאָנישע מוזעאומס און טעאַטערס;
- פאַרבעסערן די אויסקוק פון הויפּט גאַסער;
- איבערבויען היסטאָרישע פּראָפּערטיס;

- צושטעלן קאמיוניטי-באזירטע טוריזם פראגראמען און אקטיוויטעטן;
- שאפן נייע פארוויילונג געלעגנהייטן;
- אנטוויקלען טרעילס פאר מערערע סארט באניצער;
- ווערגווייזנדע און אינפארמאציאנאלע שילדן און קיאסקן;
- באריייכערן פארקס און עפנטליכע ערטער;
- איבערארבעטן זאָונינג פאליסיס;
- באזיכער צענטער פארבעסערונגען;
- פארשענערן טוריזם ערטער; און
- צושטעלן טראַטוארן אין קליינע ישובים אוןווילעדזשעס.

דער גרענט פראגראם נעמט אויך אן אפליקאציעס פאר אנטוויקלונג פון ארומנעמיגע און/אדער לאקאלע לאנד-באנוץ פלענער, און אזוי אויך צו איבערארבעטן עקזיסטירנדע פלענער.

די איינלאדענונג פאר אפליקאציעס איז אפן דורך די [ניו יארק סטעיט Grants Gateway פארטאל](), און די טערמין ביז ווען אפליקאציעס ווערן אנגענומען איז 3 אזייגער נאכמיטאג אום מיטוואך, יאנואר 31, 2024.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418